ב"ה

# קובץ לימוד

מבצע
בין הזמנים

בדרכיו אשר הורנו
- למדן

תלמידים השלוחים ה'תשפ"א

חוברת ז

ב"ה

# למדן

## בדרכיו אשר הורנו
## כ"ק אדמו"ר זי"ע

## שיעור ב' - דא"ח

איז דעם ערשטן טאג סוכות, וואס עס קומט נאך די מחילה סליחה וכפרה פון יו"כ, קאן מען איינבינדן אלע פיער מינים, פון דעם אתרוג ביז דעם ערבה, אין איין אגודה. ווארום מצד די תשובה פון יו"כ, ווערט דאך יעדער איד א צדיק גמור, ווארום תשובה העלפט דאך בשעתא חדא וברגעא חדא במילא קאן מען מאגד זיין אויך די ערבה באגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.

ח. א גאנץ יאהר בכלל, און פאר סוכות, ווען מען הייבט אן צו זוכן און איינקויפן די ד' מינים בפרט, איז דער מין החשוב ביותר און פאר וואס מען צאלט מער געלט, איז דער אתרוג. וואס אזוי איז אויך דער ענין אין רוחניות, אז דער אתרוג איז דער מין החשוב ביותר, ווארום וואס קאן זיין העכער פון תורה מיט מצות צוזאמען.

פונדעסטוועגען, איז בשעת מען איז מקיים די מצוה אליין, מאכט מען ניט די ברכה אויף דעם אתרוג נאר אויפן לולב. מען זאגט ניט על נטילת אתרוג, און אפילו ניט על נטילת ד' מינים, נאר דער נוסח הברכה איז על נטילת לולב.

דער טעם שטייט אויף דעם ווייל̇ע דער לולב איז דער גדול במינו. ד.ה. אז דער לולב איז דער העכסטער וואס צווישן די ד' מינים. דאס גופא דארף מען אבער פארשטיין, ממה נפשך, וויבאלד אז דער אתרוג איז דער טייערסטער און דער חשוב'סטער, האט מען דאך געקאנט אויסשטעלן אז דער אתרוג זאל זיין דער העכסטער?

נאר דער טעם אין דעם איז, אז עס איז פראן א וואס מען דארף גיין בכח התורה, אז דער גאנצער סדר החיים דארף זיין מצד תורה, ווי עס שטייט גדול תלמוד שמביא לידי מעשה, יעמולט דארף זיין דער ענין התורה בהדגשה. דערפאר איז מען מבליט דעם לולב, ד.ה. מען איז מבליט ומדגיש אט די אידן וואס עיקר עסקם איז אין תורה, וואס דאס איז על דרך ווי די גמרא זאגט וכל חפצי' לא ישוו בה, אפילו חפצי שמים.

ט. קלעדער גערעדט: אט די אידן וואס עיקר עסקם איז אין תורה ותפלה, ווארום זיי האבן ניט צוטאן מיט ל"ט מלאכות ועובדין דחול, על דרך ווי עס איז געווען אין מדבר אז לחמו ומימיו ניתנים, במילא איז עיקר עסקם ניט אין מצות נאר אין תורה, וואס אין דעם איז זייערע נסיונות און אין דעם דארפן זיי שטייגן, זיי דארף מען מבליט און מדגיש זיין און אויף זיי מאכט מען די ברכה פאר'ן כלל ישראל.

ובזבנינו, זיינען דאס די ישיבה - בחורים וואס זיי זיינען שטענדיק בד' אבות של תורה וד' אמות של תפלה, ווארום די ראשי ישיבות, ובפרט אין אמריקא, איז נאך מנחה זיינען שוין פארטיק, נאך אלע עבודות, און זיי זיינען כמו כל האדם - אין ביהמ"ק איז אויך געווען דער סדר אז נאך דעם תמיד של בין הערבים איז שוין ניט געווען קיין קרבנות - אבער די ישיבה בחורים מוזן דאך נעבעך אויך נאך מנחה זיצן און לערנען צי חזר'ן וואס מען האט געלערנט, ווארום עס איז דאך פראן א משגיח אויף זיי.

דארפן זיי וויסן, אז הגם סתירת זקנים בנין ובמכ"ש בנין זקנים בנין, ובמילא איז א הדרכה דארפן זיי נעמען פון די ראשי ישיבות ומשגיחים, אבער וויסן דארפן זיי אז דער קיום העולם איז אויף זיי דוקא, דער קיום העולם איז על הבל תנוקות של בית רבן, און ווי אזוי קאן מען ווערן א ראש ישיבה - בשעת מען איז פריער א באנק קוועטשער, וואס מען זיצט אויף דער גמרא, אויפן תוספות, אויפן רמב"ם, אדער אויפן ביכל חסידות, עד אור הבוקר אזוי ווי שמחת בית השואבה, דורך דעם איז דער קיום העולם.

י. איין תנאי האט אבער דער לולב. און דאס איז זיין שיעור. דער שיעור פון א אתרוג איז א כזית אדער א כביצה. דער שיעור פון א הדס וערבה איז ג' טפחים. דער שיעור - אבער - פון א לולב איז ד' טפחים, כדי לנענע בו.

דאס הייסט אז די אויפגאבע פון דעם לולב איז ניט נאר אז ער אליין זאל מוציא פירות זיין, נאר ער דארף אריין ברייננען א רוח חיים אומעטום. מען בינדט אים איין ביטן הדס וערבה, און מען לייגט צו אים צו דעם אתרוג, און ער דארף אלעמען מיטשלעפן, מקיים זיין דעם ויעשו כולם אגודה אחה לעשות רצונך בלבב שלם.

בשעת אז נאך דעם המיד של בין הערבים גייט דער ר"מ צושפארן זיך, און דער בעל עסק גייט עסן סאפער אדער דינער - איך ווייס ניט ווי אזוי איז דא דער סדר - בלייבט דער ישיבה בחור אויך יעמולט לערנען און פרייט זיך אין די שמחה פון שמחה בית השואבה, די שמחה פון דעם וואס ער האט זוכה געווען אז ותן חלקנו בתורתך.

איז בשעת מעשה שאקעלט ער זיך אזוי שטארק אז ער נעמט מיט זיך מיט אויך דעם הדס ערבה און אתרוג. ער שאקעלט זיך לד' רוחות העולם, ער שאקעלט זיך למעלה צום אויבערשטן, ביז דעם כסא הכבוד און נאך העכער, ער שאקעלט זיך למטה איך שאול תחתית, וואס הגם וואס האט ער צו טאן אין שאול תחתית, אבער וויבאלד אז דער אויבערשטער זאגט ואציעה שאול הנך, לאזט ער דארטן ניט דעם אויבערשטען אליין, נאר ער גייט דארטן אויך און נעמט מיט די תורה, אבער ער בלייבט דארטן ניט - נאך דעם וואס מען איז מנענע דעם לולב למטה טראגט מען אים צו צום הארצן - נאר ער נעמט מיט אויך דעם מטה, די אובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים, און איז זיי מאחד מיט כלל ישראל לעשות רצונך בלבב שלם.

יא. אזוי ווי דא איז דאך פראן אן עין הרע א סאך ישיבה בחורים זאלן זיי זיך א שאקעל טאן, און מיטנעמען מיט זיך אויך דעם אתרוג הדס און ערבה, און זעהן עס זאל ווערן פריילאך.

יב. (ניגנו א פריילעכן ניגון, ואח"כ המשיך לומר):

מען האט פריער גערעדט אז ישיבה בחורים איז דער לולב, וואס דער עניך פון לולב איז טעם - תורה - מוציא פירות, וואס בלשון הכתוב ווערט אנגערופן דער לולב כפות תמרים..

אין דעם וואס דער לולב איז כפות תמרים, איז פראן א שאלה. צי דער פשט איז אז דער כפות תמרים גייט אויף דעם לולב פרטי, ד.ה. אז דער לולב הפרטי וועלכן מען איז נוטל, דארף ער זיין פון א בוים שמוציא פירות אדער עס איז גענוג אז עס איז אזא מין שמוציא פירות. ד.ה. אז אפילו אויב די בוים פון וואנענט דער לולב איז, האט ניט קיין פירות, פונדעסטוועגען וויבאלד ער איז דאך פון אזא מין, שמוציא פירות, איז ער כשר.

מען וויל ברענגען א ראי' פון דעם וואס עס שטייט אין גמרא, און אין מדרש אז א הדס אינו עושה פירות. הגם אז א הדס האט ענבים ווי עס איז פראן דער דין פון א הדס שענביו מרובים מעליו, און פונדעסטוועגען ווערט אנגערופן א הדס - אינו עושה פירות, איז א ראי' אז עס איז נוגע דער כללות המין (און וויבאלד אז עפ"י רוב איז א הדס ניט עושה פירות, ווערט ער אנגערופן אינו עושה פירות. אינו בבירור).

און מען קאן ניט זאגן, אז דער טעם פון דעם וואס א הדס ווערט אנגערופן אינו עושה פירות, ווייל די ענבים וואס ער האט זיינען ניט ראוי לאכילה, ווארום אין ירושלמי

שטייט אז די ענבים פון דעם הדס זיינען מחויב בערלה ובמעשרות, איז דאך א ראי׳ אז זיי זיינען ראוי לאכילה, ומוכרח כנ"ל.

אבער באמת איז דאס ניט קיין ראי׳ אויף דעם דין פון לולב, ווארום וויבאלד אז לולב רופט אן די תורה בפירוש אין פסוק כפות תמרים, מוז יעדער לולב פרטי זיין פון א בוים שמוציא פירות.

יג. דער ענין פון דעם אין לולב ברוחניות איז:

מען האט דאך געזעדט פריער אז לולב גייט דאס אויף בעלי תורה - אזוי שטייט אין חסידות און אין ספרי מוסר וואס דאס איז מיוסד אויפן מדרש הנ"ל - ראַרפן וויסן די ישיבה בחורים אדער בכלל די וואס זיינען באהלה של תורה, אז עס איז ניט מספיק אז אין זייער מין אדער אין זייער סוג זיינען פראן בעלי תורה, דער מיט איז ער נאך ניט קיין לולב, נאר ער דארף אליין לערנען, ד.ה. אז עס איז ניט מספיק דא סוואס ער געפינט זיך אין אזא מוסד, און דאס וואס מען צאלט פאר אים שכר לימוד אז א אנדערער אויף זיין ארט וואלט אויסגעוואקסן א גרויסער תלמיד חכם און א למדן, נאר א לולב הייסט וואס ער אליין איז מוציא פירות.

. ווי עס איז ידוע דער ווארט וואס דער אלטער רבי האט געזאגט, על יסוד פתגם הבעש"ט אז יעדער זאך וואס א איד זעהט און הערט איז דאס א הוראה אין עבודת השי"ת. איז וואס איז די הוראה פון א גנב? אז אזוי ווי א גנב הייסט ניט דערפאר וואס אויב ער וואלט געוואלט וואלט ער קאנען גנב׳נען נאר א גנב הייסט דער וואס גנב׳ט טאקע בפועל ממש, ער נעמט טאקע ארויס בפועל ממש בא יענעם פון קעשענע אדער פון שטוב, אזוי איז אויך א למדן, הייסט ניט דערפאר וואס אויב ער וואלט וועלען וואלט ער קאנען לערנען, נאר א למדן הייסט דער וואס לערנט טאקע און קאן טאקע בפועל ממש.

יד. ובכדי מען זאל טאקע ווערין א למדן באמת, א כפות תמרים, איז דאך ידוע דער כלל וואס די רז"ל זאגן, לא יגעת ומצאת אל תאמין, יגעת ומצאת תאמין.

אויב ער זאל גארנישט טאן, ער וועט גארנישט הארעווען, די איינציקע זאך וואס ער וועט טאן איז, ער וועט טאן דעם אויבערשטן א טובה, ער וועט זאגן דעם יהי רצון, ותן חלקנו בתורתך, און וויבאלד ער האט דאס שוין אפגעטאן, קאן ער זיך לייגן רוהיק שלאפן און וועט זיך אויפכאפן א למדן איז א סדר אין תורה פון בדרך לחם מן השמים - אזא סדר איז ניטא אין תורה.

 הנחה בלתי מוגה

צוריק איז דער כלל, יגעת ומצאת תאמין. אויב מען הארעוועט יע, קאן מען מאנען בא דעם אויבערשטן, ווילע דאס האט ער צוגעזאגט, אז ער זאל געבן הצלחה ניט לפי"ע היגיעה, כלל. אז אפילו אויב ער הארעוועט אביסעלע, זאל אים דער אויבערשטער געבן א סאך הצלחה שלא לפי ערך.

ובתנאי - אבער - ער זאל זיך אפזאגען פון אלע תענוגי והנאות עוה"ז, ווי די משנה זאגט כך היא דרכה של תורה כו' וחיי צער תחי'. ניט אפלערנען און נאכן לערנען בשעת מען זעהט עפעס א דבר תאוה ותענוג, טענה'ן וואס בין איך ערגער פון א אנדערין, יענער האט וויל איך אויך האבן, נאר אפזאגן זיך פון אלע ענינים, און ארייננעבן אלע כחות, מיטן רצון חשק און אפילו תאוה - זאל זיין שלא לשמה, ווארום מתוך שלא לשמה בא לשמה - אין תורה, יעמולט זאגט צו דער אויבערשטער אז אפילו בשעת מען הארעוועט א ביסעל, וועט ער געבן א סאך הצלחה שלא לפי ערך היגיעה כלל.

טו. די עצה און די וועג צו הצלחה איז נתינת הצדקה, ד.ה. וואס ער איז ממלא א צווייטן אידן אין גשמיות אדער אין רוחניות. און צדקה מיינט ניט דוקא געלט, נאר צדקה מיינט געבן פון אלץ וואס מען האט. אויב ער האט צייט און גיט אפ צייט צוליב א צווייטן אידן, טאן אים א טובה אין גשמינת ומכ"ש אין רוחניות, יעמולט איז וצדקה תרומם גוי, ומוחו ולבו נעשים זכים אלף פעמים ככה, אז ער וועט מצליח זיין למעלה מדרך הטבע, איז איין שעה וועט ער מצליח זיין דאס וואס בדרך הטבע דארף נעמען טויזענט שעה.

די איין שעה - אבער - דארף ער לערנען ביגיעת נפש ויגיעת בשר, און אפזאגן זיך פון אלע עניני עולם, וואס דאס איז די ערשטע זאך איז בשעת די איין שעה דער לימוד בא אים כדבעי, דאן העלפט די צדקה אז וצדקה תרומם גוי, אז ער פארשטייט און ער איז מכוון לאמיתה של תורה.

און יעמולט ווערט ער דער אמת'ער לולב, אז ניט נאר וואס אין זיין מין איז פראן פירות נאר ער אליין איז מוציא פירות, און ער איז מוציא פריו בעתו, וואס פריער, און דער צו שאקעלט ער זיך לד' רוחות העולם ולמעלה ולמטה, אבי צו אויפמאכן א אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.

טז. אמאל פלעגט זיין א סדר פון א פורים רב. ד.ה. אז א גאנץ יאהר איז ער ניט געווען קיין רב, נאר אויף איין נאכט פלעגט ער זיין א רב - די וואס האבן אמאל געלערנט אין ישיבה אז זיי זיינען שוין ארויס, אדער די וואס האבן קיין מאל ניט געלערנט אין ישיבה, זאלן זיי איצטער אפלערנען א משנה משניות, א פסוק חומש אדער א שורה תניא, און פארשרייבן זיך היינטיקע נאכט פאר ישיבה בחורים.



הנחה בלתי מוגה

ב"ה, כ"א אייר, תשי"ד
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה על מכתבו מט"ז אייר.

א) בהנוגע לעסקנותו בעניני הרישום הפצת וכו', הנה מובן שצ"ל זה בהסכמת הנהלת הישיבה ובודאי יש למצוא אופן לסדר את הנ"ל שלא יבלבלו ויפריעו מלימודו בתורת הנגלה ומלימודו בתורת החסידות, ואף אם לפעמים רחוקים לא יתאימו הזמנים הרי בטח ימלא בשעות הפנויות מה שחיסר באקראי בלימודו בנגלה ובחסידות.

ב) מ"ש אודות נסיעה לארצוה"ב ללמוד כאן, הרי עוד רבות יש לעשות ולהשתלם בישיבתו באה"ק ת"ו, וילמוד במסירה ונתינה ושקידה המתאימה ומבלי לבלבל את עצמו במחשבת נסיעה וכו' וכו' לעת עתה.

ג) במ"ש אודות אי התמדתו בלימודו בתורת הנגלה כו' הרי ידוע עד כמה הקפידו רבותינו נשיאנו הק' על השקידה בלימוד הנגלה וכבר ארז"ל יגעת ולא מצאת אל תאמין ובמילא בידו הדבר שאם רק ירצה באמת ילמוד בשקידה וגם יצליח, מובן אשר לאחרי ההפסק בזה כל התחלות קשות אבל מזמן לזמן יהי' לו זה בנקל יותר ובלבד שישתדל בזה אליבא דנפשי', וה"ה גם בנוגע ללימוד החסידות שבטח גם לימוד זה יכול להשתפר יותר, ובהסכם הר"מ והמשפיע שלו הנה יש לחלק זמני חזרתו על הלימודים באופן שלא יוצרך ללמוד משך שעות בענין אחד כי אם בסרוגין אשר עכ"פ בזמן הראשון יגרה זה את החשק ללמוד וכבר ידוע מרז"ל לעולם ילמוד אדם במקום שלבו חפץ.

בודאי שומר שלשת השיעורים השוים לכל נפש מתקנת כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע בחומש תהלים ותניא הידועים, ולקח ג"כ מסכת בחלוקת הש"ס ומזמן לזמן נותן לצדקה איזה פרוטות והשי"ת יצליחו.

בברכה,

בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א

מזכיר

ב״ה, ט״ו סיון, תשי״ד
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה על מכתבם מיו״ד סיון בו שואלים חוות דעתי אם יסעו למרוקה על משך שלשה או ארבעה חדשים כדי שיהי׳ באפשריותם להשלים כסף נסיעה לארצוה״ב וכו׳.

והנה כבר ידוע, הן בנגלה דאורייתא והן בנסתר דאורייתא, גודל ענין תלמוד תורה, אשר אפילו חפצי שמים לא ישוו בה, אלא שע״פ פסק רז״ל (שבת ל״א סוף ע״א) צריך להיות לימוד התורה ביראת שמים דוקא אשר אז יראת ד׳ היא אוצרו ויש קיום ללימוד התורה הנרמזת בכתוב והי׳ אמונת עתך גו׳ חכמה ודעת,

וכיון אשר הצליחם השי״ת והעמידם בקרן אורה, היא ישיבת ״תומכי תמימים״ שנתיסדה ומתנהלת על ידי צדיקים יס״ע כ״ק אדמו״ר — מהורש״ב ובנו הוא מו״ח — זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע, הרי עליהם לייקר כל רגע, ועאכו״כ ימים שבועות וחדשים, להיות בד׳ אמות שלה, ולשקוד בלימוד תורת הנגלה ותורת הנסתר במסירה ונתינה אמיתית.

ובמילא — כל רעיון המבלבל אפשריות זו, אף שנדמה לכאורה שבא מצד היצר טוב, הרי אין זה אלא מדרכי היצר הרע, אשר אמרו עליו שהוא אומן (שבת ק״ח ע״ב) בעבודתו, ובא לכל אחד ואחד בפיתויים כאלו שמקוה שישמעו להסתה שלו ולהשתדלותו להסיר את האדם מהמסלה העולה בית א־ל,

והנ״ה בנדון שלהם: יחליטו בעצמם בהחלטה אמיתית, אשר ילמדו במסירה ונתינה במקום שם נמצאים עתה, ואל ישמעו לטענות הבאות מצד שמאל, שמסיתם לאמר לכשאפנה אשנה, והרי ידוע דבר משנה (אבות פ״ב מ״ד) אל תאמר לכשאפנה אשנה שמא לא תפנה.

ובפרט שכל אחד ואחד מבני ישראל הרי מאמין הוא ומקוה לביאת

משיח צדקנו במהרה בימינו, אשר ההקדמה וההכנה לזה — אומר מלך המשיח למורנו הבעל שם טוב זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע — שיבוא לכשיפוצו מעינותיו של הבעש"ט — חוצה, ובמילא עליהם לנצל כל אפשריות בזמן לקלוט תורת הבעש"ט, שנתבארה הדק היטיב בתורת חסידות חיכמה ב'ינה ד'עת למען יוכלו לעמוד בראש אלו שיזכו לקבל פני משיח צדקנו בקרוב. ולא המדרש עיקר אלא המעשה היינו הלימוד **בפועל** בשקידה מסירה ונתינה מתוך יראת שמים טהורה, שזה בא ע"י עבודת התפלה, וניכר ג"כ בקיום המצות בהידור.

ואחכה לקבל בשו"ט מהם שמתמידים בלימודם בנגלה ובחסידות ביותר וביותר ומעלין בקדש מזמן לזמן וכל המחשבות אודות נסיעה לכאן ברצוא ושוב וכו', הרי לע"ע יסיחו דעתם מהם.

בברכת הצלחה בלימוד התורה, בעבודת התפלה ובקיום המצות בהידור.

נ.ב.

מובן אשר כל הנ"ל שייך גם לחבריהם, והנני ממלא את ידם לפרסם תוכן מכתבי זה בהכתות בם לומדים, ובודאי המשפיע הרה"ח אי"א נו"נ מלאכתו מלאכת שמים בעל מדות ובעל מרץ מוה"ר ניסן שי' נעמאנאוו יוכל להוסיף להם ביאור והסברה בכל הנ"ל, כי אי אפשר לבאר פרטית הדברים בכתב.

ב״ה, י״ט אד״ר, תשי״ד
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה על מכתבו מח׳ אד״ר בו שואל חוות דעתי אשר כיון שבשום אופן אינו יכול להכניס דעתו בלימוד תורת הנגלה ותורת החסידות מפני סיבות שונות. הנה באיזה אופן עליו להסתדר עתה.

הנה א) איני מבין מה שכותב שאינו יכול בשום אופן שהוא היפך מרז״ל לא יגעת ומצאת אל תאמין יגעת ולא מצאת אל תאמין, ואפשר כוונתו שאינו רוצה, ב) בכל אופן עליו להתייעץ בזה עם המשפיע שלו על אתר שהוא נמצא אתו ויפרש לפניו את שיחתו והשי״ת יצליחו לסדר עצמו באופן המתאים לפניו בגשמיות וברוחניות גם יחד.

בברכה.

בשם כ״ק אדמו״ר שליט״א,

מזכיר:

ב״ה, כ״ח מנ״א, תשי״ד
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה על מכתבו בו כותב אשר מרגיש עצמו במצב נמוך אף כי נמצא בישיבת תומכי תמימים. הנה כבר ידוע מרז״ל לא יגעת ומצאת אל תאמין, והיגיעה אינה שוה בכל אחד ואחד כי היא לפי הכח שנתנו לו ולפי הצורך של גופו ונפשו הבהמית הוא דוקא, ובמילא הנה ילמוד במסירה ונתינה אמיתית ואז יצליח בלימודו בתורת הנגלה ובתורת החסידות, ולמותר להוסיף שכל אחד ואחד נצרך לסייעתא דשמיא שזהו שאנו אומרים בעבודת התפלה בברכה הראשונה שמבקשים הצרכים: חננו מאתך חכמה בינה ודעת, ולכן מוכרחת עבי׳ התפלה.

בברכה לתלמוד תורה ביראת שמים,

בשם כ״ק אדמו״ר שליט״א

מזכיר

במש״כ בהפר״כ שקו״ט ע״ד נחיצות שיפור לימוד הנגלה ואם זהו סותר ללימוד דא״ח וכו׳ — נפלאתי ונצטערתי גם על הספק בזה, כי פשוט שצריך ומוכרח להעלות ולשכלל לימוד הנגלה (ובמילא מוכרח גם ר״י וכו׳), ואין זה סותר ח״ו ללימוד דא״ח, לעבודת התפלה וכו׳. — ולפשיטות כ״ז מסתפק הנני בשורות אלו.

ב״ה, ט״ז מ״ח, תשי״ח
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה למכתבו מעש״ק, מבקש ברכה להצלחה בלימודו וכו׳, ואף שיש לו רצון וכו׳, אבל אין לו חשק וכמו שלוקח ממנו וכו׳.

והנה אי אפשר שיוקח ממנו החשק ח״ו כיון שזהו ציווי בורא עולם ומנהיגו בפועל שכאו״א מישראל יהי׳ לו חשק ורצון גמור לקיום כל האמור בתורתו הק׳, וענין תלמוד תורה הרי שקול כנגד כולם, אלא שדמיון הנ״ל הוא גם כן מתחבולות היצר הרע הממציא תחבולות שונות ומשונות בכדי להחליש את האדם בעבודתו לקונו, ואינו נמנע גם מעניינים של שקר ותרמית, שזה עצמו צריך לעורר תוספת כח בהאדם להלחם נגדו, מלחמה ע״י ענין של היסח הדעת, שפירושו לא להכנס עמו בכלל בפלפולים ושקו״ט כי אם בפתגם קצר שאין זמן לפלפולים כיון שעבד הוא לממה״מ הקב״ה ועסוק במילוי ציווי אדונו הוא הקב״ה, ועיין ג״כ בתניא בכ״מ עצות היעוצות להנ״ל, וחקוקה תהי׳ בלבו הודעת חז״ל יגעת ולא מצאת אל תאמין.

בברכה לתלמוד תורה בהתמדה ושקידה וקיום המצות בהידור,

בשם כ״ק אדמו״ר שליט״א

ב״ה, ג׳ שבט, תשי״ח
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה למכתבו ממוצש״ק.

א) איך לזכות להצלחה בלימודים ולעזר השם גדול בזה.

ידוע מאמר חז״ל, יגעת ולא מצאת אל תאמין, ז.א. שבאם יתייגע בלימוד תוה״ק בטוח הוא שימצא ויצליח ואין הדבר תלוי אלא ברצונו החזק בזה, ובכדי להגדיל עזר השי״ת בזה שאז תגדל גם ההצלחה ויתמעטו הקישוים בזה, הנה יפריש לצדקה בכל יום חול לפני תפלת הבקר ואמירת השיעור תהלים חדשי בכל יום גם בש״ק ויום טוב לאחרי תפלת הבקר, ומה טוב שישמור גם השיעורים דחומש ותניא הידועים, אשר כ״פ שמענו מכ״ק מו״ח אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע ששוים הם לכל נפש וסגולה לכו״כ ענינים.

ב) כיון שנצטווינו עבדו את ה׳ בשמחה, מה לעשות כשנכנסים קצת לעצבות.

הנה יעיין ברמב״ם סוף הלכות לולב, שמשם מובן איך שכל אדם בכל מעמד ומצב אפשר לו להיות בשמחה בעת עבודתו את בוראו, ולא רק שאפשר אלא שעבודה גדולה היא מוכרחת ועיקרית. והעצה איך להפטר מעצבות ולשוללה, מבוארת בתניא קדישא בכ״מ (כמצוין שם במפתח), ויהי רצון שיבשר טוב בכל האמור ואשר מוסיף בלימוד תוה״ק והמאור שבה זוהי פנימיות התורה שבדורנו נתגלתה בתורת החסידות.

בברכה,

בשם כ״ק אדמו״ר שליט״א
מזכיר

ב״ה, ו׳ מנ״א, תשי״ח
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה למכתבו מר״ח מנחם, בו כותב שלומד שנה השני׳ בישיבה אבל לא קבל הרבה, ובזמן האחרון אינו לומד כי מבטל זמן וכו׳ ולכן ספק אצלו איך יסתדר ומה יעשה בעתיד הקרוב, וכותב סברות בזה והוא בגיל ט״ז.

והנה מובן וגם פשוט ע״פ הוראת תורתנו תורת חיים שעליו להמשיך בלימוד בישיבה בהתמדה ושקידה, כי כל הטעמים האמורים הן מפיתויי היצר המסית את האדם בכל מיני תחבולות ובלבד למנוע אותו להתנהג מתאים להוראת תורתנו תורת חיים. ומה שכותב שמבטל זמן וכו׳ הרי הודיעו חז״ל יגעת ולא מצאת אל תאמין, שלכן אם ירצה באמת לא לבד שלא יבטל זמנו אלא יצליח בלימוד יותר על הרגיל, והרי דוקא ימים שבגילו הם ימי האושר, כוונתי שבאם מנצלים אותם כדבעי הרי הם סוללים הדרך לאשרו האמיתי של האדם, אושר רוחני וגשמי גם יחד, וכאמור ידע ברור שרק בו הדבר תלוי, ובאם יחליט באמת בזה בתוקף המתאים, הנה אף שאפשר שידמה לו שהתחלה באופן זה קשה, הרי מזמן לזמן יווכח שהקישוים בחלקם מדומים הם וגם החלק שישנו, אין קשה כ״כ להתגבר עליו, וכמאמר הידוע אין לך דבר העומד בפני הרצון.

בודאי יודע משלשת השיעורים דחומש תהלים ותניא הידועים וישמור עליהם עכ״פ מכאן ולהבא.

בברכה לבשו״ט בכל האמור,

בשם כ״ק אדמו״ר שליט״א
מזכיר

ב"ה, י"ט אלול, תשי"ח
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה למכתבו מי"ב אלול, בו כותב אשר אין חשק ללימוד וכו' ומבקש ברכה.

והנה כבר הודיעה תוה"ק אשר תמיד ישנו החשק לאיש הישראלי לקיים מצות השי"ת, ובפרט בתלמוד תורה שהיא כנגד כולם, אלא שהיצר הרע לוחם נגד חשק זה, וכיון שכן הוא המצב, הרי עליו להלחם ביצרו, והוא על ידי ההוספה בתורה ומצותי', ואזי יצליח בהלימוד והמעשה הבא על ידי לימוד זה, מובן שכל הוספה בענינים אלו תוסיף ברכות השי"ת עבור אביו ואמו שי' שמבקש ברכה עבורם, והדבר תלוי רק ברצונו כאמור.

בודאי שומר שלשת השיעורים דחומש תהלים ותניא הידועים.

בברכה לבשו"ט בהאמור ולכוח"ט,

בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א
מזכיר

ב"ה, כ"ב אלול, ה'תשח"י
ברוקלין, נ.י.

לתלמידי ישיבת עכו
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

בעתו נתקבל המכתב, כתוב בשליחותם בבקשה להזכירם לטובה ולברכה.

ובודאי ידוע לכם וחקוק בזכרונכם פתגם חכמינו ז"ל — יגעת ולא מצאת אל תאמין, זאת אומרת שאין הדבר תלוי אלא ברצונכם, שאם רק תרצו תצליחו לעשות חיל בלימוד התורה, תורת חיים, והעיקר שהלימוד יהי' באופן המתאים להוראת התורה, היינו תלמוד המביא לידי מעשה, קיום המצוות בהידור, ובהוספה בזה מזמן לזמן, שהרי נצטוינו ג"כ מעלין בקדש.

תקותי שהתחילו זמן הלימודים החדש בכיוון זה, וינעם לי לשמוע בשורות טובות מהצלחתם בלימודם ובהנהגתם.

ולקראת השנה החדשה הבאה עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה, הנני שולח ברכתי לכל אחד ואחד מכם, ברכת כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות.

בברכה לתלמוד תורה ביראת שמים.

ב) איזו תרופה לחשק ללימוד וכן להתפלל בכוונה.

העצה עד"ז היא כמאמר חז"ל יגעת ולא מצאת אל תאמין, ואם כן בו הדבר תלוי, וכשירצה להתפלל בכוונה וללמוד בהתמדה, סוף סוף יצליח. והי"ה בהנוגע לכל הנסיונות בדרך האדם שאין להתרשם מהם, ולהתגבר עליהם, וכשרוצים באמת מצליחים.

ילמוד בהעניינים האמורים לעיל בספר תניא קדישא וכנדפס במפתח ענינים שבסוף הספר.

ובטח יודע מהתקנה לומר שיעור תהלים חדשי (כמו שנחלק התהלים לימי החודש), בכל יום אחר תפלת הבקר, וישמור ע"ז עכ"פ מכאן ולהבא. ונכון אשר יבדקו את התפלין שלו שתהיינה כשרות כדין.

בברכה לבשו"ט,

בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א
מזכיר

## ו'תשיא

ב"ה, ד' אד"ר, תשי"ט
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה למכתבו מיום כ' שבט כו כותב ר"פ מדברי ימי חייו ומסיים בשאלות:

א) איך לגרש מדת העצלות.

יתבונן ומה טוב שילמוד בעל פה במה שכתוב בספר תניא קדישא ר"פ מ"א (נו, א) עד ריש עמוד ב' תיבת המלך. יעבור על הענין או גם על הלשון מזמן לזמן, אם בדבור או עכ"פ במחשבתו, וכשיהי' הענין חקוק במוחו ועד ללבו בודאי שזה יוסיף במדת הזריזות.

...ומה שכתוב שלבנו ... אין חשק כל כך בלימודו, יסביר לו באותיות המתאימות לפניו, אז איצטער איז **גאר** אנדערש, וצריך הוא לדעת אשר כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ הוא הוא הנשיא והראש של כל חסידיו ומקושריו, וכיון שהראש חרי, בפשיטות הגמורה, הוא בריא וחזק, הרי נמצאים בו כל הכוחות והחיות השייכים לכל אחד ואחת מהמקושרים שלו **בשלמות** ואין הדבר תלוי אלא בהם. ואם ח״ו אינם מתאימים לפי רצון הראש, הרי אין זה נוגע לחמקושר בלבד.

וכאשר יתבונן בזה אפילו לשעה קלה, בטח יראה גודל האחריות המוטלת עליו, ובמידה המתאמת למצב בריאותו, ימסור ויתן את עצמו, זיך איבערגעבן גאר אינגאנצן, לרצונו של כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ ולמילוי דבריו והוראותיו הנמצאים בשיחותיו מכתביו הכלליים או הפרטיים, אשר בהם ימצא כל אחד ואחת מבני ישראל הוראות בדרכו בחיים. און מ׳דארף ניט נתפעל ווערן, וואס האט א קליינער אינגל פאר א שייכות מיט אזא גרויסן רבין, כמבואר הדבר בכמה מקומות [ב]דא״ח וגם במאמר ח״י אלול דשנה זו, פרק ז׳ ומוסג״פ הקונטרס.

בטח יש לו וגם לחתנו שי׳ קביעות עתים ביחוד לתורת כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ ואומרים ג״כ הקאפיטל ע״א דתהלים.

כבקשתו אזכירו הוא וכל ב״ב שיחיו על ציון כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ לכתיבה וחתימה טובה.

בברכת כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה

**מנחם שניאורסאהן**

ב״ה, כ״ז תשרי, תשט״ו
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה על מכתבו, בו כותב שאיננו מרגיש חשק ורצון פנימי בלימודיו כו׳.

הנה כבר כתבתי בזה לכמה מחבריו והוספתי שכל אברכי התלמידים בכלל זה שתורתנו הק׳ תורת חיים פסקה אשר יגעת ולא מצאת אל תאמין, ובמילא בידם הדבר שישתדלו בזה ע״י התמדה ושקידה ובקביעות בנפש נוסף על הקביעות בזמן בשמירת זמני וסדרי הלימוד ולעסוק בתורת ה׳ תורה תמימה במסירה ונתינה אמיתית מבלי מחשבות חוץ, חשבונות וכיוצא בזה, ואז מובטחים הם שיצליחו, אלא שצריך לטהר הכלי לקבלת התורה הוא הגוף ובפרט המחשבות ודבורים.

ולכן צריך להזהר בטבילת עזרא ולהזהר במצות אהבת ישראל ביותר וביותר ובמדות טובות בכלל ולעסוק בפנימיות התורה נשמתא דאורייתא וחיותה אשר ע״ז נתגלה החיות גם בנגלה דתורה, והשי״ת יצליחו לבשר טוב בכל הנ״ל, בין בהנוגע לעצמו והן בנוגע לחביריו, וההקדם בזה ישובח.

בברכה,

בשם כ״ק אדמו״ר שליט״א
מזכיר

ב"ה, כ"ח סיון, תשי"ז
ברוקלין.

שלום וברכה!

במענה על מכתבו מכ"ד סיון, בו מציע השאלות אשר לא קבל פתרון ברור עליהם, והן:

א) יש זמנים שיש לו חשק ללמוד וזמנים להיפך וכו' ואז פונה לעניינים אחרים, ובאיזה אופן יש להשיג מרץ תמידי.

וידוע עצה היעוצה בזה, הרגל נעשה טבע שני, וההוראה אשר עליית האדם מדרגא לדרגא היא דרגא אחר דרגא ולא בקפיצה מקצה אחד להשני, ועלי' זו היא דוקא ע"י יגיעה, כי לא יגעת ומצאת אל תאמין, וההתבוננות איך לבטל פיתוי היצה"ר, מבוארות די צרכן בספר התניא וכמצוין במפתח שם.

[י״א אד״ר תשכ״ב]

במענה למכתבו מכ״ז טבת — שנתקבל באיחור זמן רב —

בעת רצון יזכירוהו על הציון הק׳ של כ״ק מו״ח אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע, מתאים לתוכן כתבו.

לכתבו אודות מחשבות זרות בשעת הלימוד ותפלה, ידועה העצה לזה, אשר יהי׳ הספר או הסידור פתוח לפניו בעת הלימוד והתפלה, והאותיות אוחזות את המחשבה ותופסות אותה.

ומאחר שהובטחנו יגעת ומצאת, וזכה ללמוד בישיבה הק׳ תומכי תמימים, מיסודם ובהנהלתם של רבותינו נשיאינו, בודאי כשילמוד בהתמדה ושקידה ימשיך זה ברכת השי״ת בכל המצטרך לו.

בברכה לבשו״ט בכל האמור.

וכמו"כ דיבר בנוגע להישיבה, שחמש עשרה רגעים אחרי שעה התשיעית כבר מתחילים דרייען זיך, ובשעה תשע וחצי נסגרת הישיבה, וכשבאים אנשים ליחידות חושבים שאין כאן ישיבה, בה בשעה שב... לומדים עד שעה שתים עשרה בלילה, ואחת בלילה.

רמלשון הגמרא ח"ש משמע, ח"ש לענין אכילת יו"כ, ואין נ"מ אם היא שיעור שלם לענין אחר.

והסברא בזה הוא, ראף דאכילת כזית הוא פעולת אכילה לענין אכילת חלב וכדומה, מ"מ לענין יוהכ"פ אי"ז הפעולה ראכילה שהיא אסור ביו"כ, דלענין יו"כ הפעולה האכילה היא אכילה ככותבת, ושיעור פחות מככותבת אי"ז הפעולה דאכילה שאסרה התורה ביוה"כ. והוי זה לר"ל פעולה אחרת לגמרי שהיא מותרת, כמו עקידה לבד שאי"ז בכלל הוצאה אליבא רכו"ע.

ולפי"ז הנה גם בנדון דידן בראחה בי', הנה אף שבו ביום היא אסורה והוי בגרר פעולה, מ"מ ס"ל לר"ל דלא בעי שימור, דלגבי הענין רשמור אי"ז פעולה, והיינו דפעולה הזאת שאמרה התורה דבעי שימור הוא כאשר ישנו השיעור רג' ימים דוקא, ופחות משיעור הזה אין זה פעולה זו. וכמו שאוכל כזית ביו"כ, דאף שהוא אכילה לענין חלב, אי"ז אכילה לענין יו"כ.

O O O

ג. כ"ד טבת איז דעם אלטין רבי'נס הילולא, כ"ד טבת ווערט דערמאנט אויך אין גמרא, מגלת תענית (חסר) כ"ר טבת איז הברא לרינא, וואס כ"ר האבן די פרושים מנצח געווען די צדוקים אז ירושה זאל זיין עפ"י תורת משה און ניט ווי די צדוקים.

עס איז פראן א אריכות אין דעם ענין, אבער...

ד. דעם אלטין רבי'נס נאמען איז שניאור זלמן. אין די אגרות הקודש וואס זיינען געדרוקט אין התמים, שטייט דארטן שניאור מיט שטרייכען. אין די ספורים וועלכע זיינען פראן אין די שיחות שטייט אפגעטייטשט דער טייטש פון דעם ווארט שניאור, אז אור גייט דאס אויף נר מצוה ותורה אור, און שני אור מיינט צוויי אורות - אור פון נגלה און אור פון נסתר דתורה און ביידע אורות האט דער אלטער רבי כולל געווען צוזאמען - דער נאמען שניאור איז דאך איין ווארט, ר.ה. אז ביידע אורות ווערן נכלל אין דעם איין ווארט. ווארום ביידע אורות האט דער אלטער רבי כולל געווען צוזאמען.

ה. עס שטייט מה שהוא מצוה לבניו לעשות הוא עושה בעצמו, און אזוי איז אויך פארקערט אז דאס וואס ער טוהט איז מצוה לבניו. און דאס זעלבע איז אויך בא

- קי -

צדיקים הדומים לבוראם, אז די בינונים וואס איז פראן אין זיי, מאנען זיי דאס בא די וואס האבן צו זיי א שייכות און די וואס זיינען מקושר צו זיי.

במילא וויבאלד אז דער אלטער רבי האט כולל געווען נגלה דתורה און פנימיות התורה צוזאמען, מאנט ער דאס אויך בא די וואס זייבען זיך מתייחס אויף זיין דגל און זיינען פון זיין מחנה.

דער אלטער רבי מאנט אז אזוי ווי נגלה דתורה איז וויכטיק, איז פנימיות התורה אליין אויך וויכטיק. און דאס איז אויך וואס אין סיום פון אגה"ק אזוי אויך אין התחלת אגה"ק, מאנט דער אלטער רבי דער ענין פון חלוקת הש"ס – תלמוד תורה. אויך האט כ"ק מו"ח אדמו"ר דערציילט וועגן דעם וואס דער אלטער רבי האט געמאנט דעם לימוד הנגלה און געמאנט בתוקף.

ו. דאס וואס רביים האבן געמאנט, איז דאס נים סתם געמאנט, נאר דאס איז א נתינת כח און דער נתינת כח איז נאך מערער מחייב. ווארום החובל בעצמו אע"פ שאינו רשאי פטור, אבער החובל באחרים חייב, און אז מען נוצט נים אויס די כחות וואס די רביים גיבן, איז דאס כביכול החובל באחרים, וואס אויף דעם איז מען חייב ובפרט אז דער אחרים איז א נשיא בישראל.

במילא איז די תביעה, די נתינת כח וואס די רביים גיבען, לייגט ארויף א חיוב אויף איטליכען זיי, און אזוי איז אויך אין די כחות אויף כולל זיין תורת הנגלה מיט תורת החסידות, גים יעדער איינעם א חוב און א זכות אויף לערנען חסידות, און אויך נגלה, נים א קלענערע מאס ווילע מ'האט געגעבען כחות אויף ביידע ענינים.

ז. אזוי ווי א גוף אליין אן א נשמה איז א"א לגוף בלא נשמה, וואס דערפאר איז פנימיות התורה אליין אויך נים דער תכלית און מען דארף האבען אויך נגלה דתורה.

דערפאר איז אין ערשטן סעיף פון שו"ע הל' ת"ת וואס דארטן שטיים אז יעדערער איז מחויב אין ת"ת, בין עני ובין עשיר, בין זקן ובין נער, ואפילו מוכה ובעל יסורין חייבים בת"ה, שרייבט דער אלטער רבי אז נים נאר אין איין מקצוע מיוחד אין תורה נאר אלע מקצועות ובפרט די מקצוע פון נגלה און די מקצוע פון פנימיות התורה.

ח. עס איז פראן שפיץ חסידים וואר האלטן נאר פון לימוד החסידות און פראן פארעוורע חסידים וואס... איז לא הא ולא הא, נאר עס דארף זיין ביידע צוזאמען. ווי עס איז מרומז אין אלטין רבי'נס נאמען.

דערפאר מאנט מען פון אלע חסידים בכלל, און פון די וואס זיינען באהלה של תורה בפרט, און בא התלמידי הישיבה בפרטי פרטיות, דעם לימוד פון נגלה דתורה, נאר די נגלה זאל זיין מיט א חיות ניט קיין חיות מצד ההשגה וההבנה אליין, נאר א חיות מצד פנימיות התורה וואס דאס וועט געבן א חיות אין נגלה לפי אופן לימודו.

דערפאר איז דער רבי (מהורש"ב) נ"ע אין קונ' עץ החיים, וואס ער איז אין אים מבאר דעם סדר הלימוד איז ער מחייב געוויסע שעות אלע טאג אין לימוד הנגלה אזוי ווי ער איז מחייב אין לימוד החסידות.

ט. עס דארף זיין א גאנצער גוף און א גאנצע נשמה, וואס דאס וועט זיין א הכנה און א הקדמה צו דער גאולה שלימה. די גאולה דארף דאך זיין סיי אין גוף און סיי אין נפש, איז אז עס וועט זיין א גוף שלם – נגלה דתורה – און א נשמה שלימה – נסתר דתורה – וועט זיין א גאולה אין ביידען, א גאולת הגוף וגאולת הנפש און עס וועט זיין א גאולה שלימה ואמיתית.

אז ער וועט זיך פארבינדען מיט דעם אויבערשטן דורך תורה וואס תורה פארבינט אידן מיט דעם אויבערשטן און ער וועט פארבינדן ניט נאר זיין סתים מיטן סתים דקוב"ה דורך סתים דתורה, נאר ער וועט פארבינדען אויך זיין גליא מיט דעם אויבערשטנס גליא דורך גליא דתורה, וואס דאן דוקא וועט זיין א קשר של קיימא – א קשר של קיימא איז פון צוויי קשרים – עס וועט ניט זיין קיין הפסק פון יוונות, דאן וועט זיין אזוי ווי עס שטייט אין אגה"ת (פי"א) אז נאך ברכת השיבנו זאגט מען סלח לנו און באלד נאך דעם זאגט מען ברכת הגאולה וואס וועט זיין ב"ב דורך משיח צדקנו.

י. מען האט פריער גערעדט, אז ב"ש איז אז א פריערדיקע זמן איז כולל אין זיך דעם שפעטערדיקן זמן. היינט איז דאך אבער הלכה כב"ה, דוקא לעתיד וועט זיין הלכה כב"ש – פונדעסטוועגן איז אויך בזמן הזה פראן א ענין אין זמן וואס איז כולל אין זיך נאך א זמן. און דאס איז א שפעטערדיקער זמן איז כולל אין זיך דעם זמן וואס איז געווען פריער (מאחר שהי' כבר במציאות).

דערפאר שרייבט דער אלטער רבי – דער בעל ההילולא – אין אגה"ק (סי' כ"ז) אז ביום ההסתלקות איז נכלל ועלה כל עבודתו אשר עבד בה כל ימי חייו (ד.ה. אז ביום ההסתלקות איז כולל די פריערדיקע ענינים).



הנחה בלתי מוגה

מוקדש לחיזוק ההתקשרות לנשיא דורנו

**כ"ק אדמו"ר**

זצוקללה"ה נבג"ם זי"ע